1927 סעפּט-אויגוסט



יעקב גלאַטשטיין.

# מאָלדאַ

ליפּע לעהרער'ן אַ מתנה

דער טאָג איז געווען צו פֿויל זיך אָפּצוטראָגן. ער האָט זיך געשלעפּט מיט לאַנגזאַמע טריט איבערן שטעטל און אומעטום איבערגעלאָזט טונקעלע פּאַסן. שטילע געסלאַך האָבן געוואַרט אויף דער אָוונטיקייט. פֿון מאַרק, וואו עס האָט אַ גאַנצן טאָג געקאָכט מיט קויף און פֿאַרקויף און מיט דעם קלונג פֿון מטבעות, זיינען זיך שוין לאַנג צופֿאָרן אַלע וועגענער, און די רעדער פֿון דער לעצטער פֿור האָבן געסקריפּעט ערגעץ הינטער דעם שטעטל. די בעטלער, וואָס האָבן פֿאַרן גאַנצן טאָג צוזאַמענגעשנאָרעט אַ פֿאַרמעגן מיט קליינע מטבעות, זיינען אַוועק מיט אָנגעשוואָלענע קעשענעס.

בלויז איין בעטלער, אַ בלינדער, איז געזעסן איינער אַליין אינמיטן מאַרק און געוואַרט. ער האָט נאָך אַלין געזונגען זיין אויסגעצויגענעם ניגון:

העלפט אַ בלינדן.
העלפט אַ בלינדן.
אַ בלינדן מיט אויגן וואָס זעען ניט,
אויגן ליכטיקע וואָס זיינען פֿינצטער געוואָרן,
פֿינצטערע אויגן וואָס זיינען אַמאָל ליכטיק געווען.
העלפט אַ בלינדן.

אָפּגעריסענע קינדער זיינען אַרומגעלאָפֿן ווי די שדים'לאַך איבערן מאַרק און גענישטערט: אפשר האָט עמיצער פֿאַרלוירן אַ מעסערל, אַ שערעלע, אַ זילבערנע מטבע אָדער, ווער ווייסט, אַ גאַנצן טייסטער מיט געלט.

„זיידעניו, זיידעניו, — זענען זיי צו צום בלינדן און האָבן אים לייכט אַ טרייסל געטאָן — שוין לאַנג די זון אַוועק און דער מאַרק טאָג איז אַריבער און דו זיצסט איינער אַליין און זינגסט. די לעצטע פֿור איז שוין העט העט הינטער דעם שטעטל און דו זיצסט נאָך אַלין און בעטלסט".

„טאַקע? — האָט דער בלינדער איבערגעפֿרעגט מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג — זאָגט איר אַז די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען און איך זיץ דאָ איינער אַליין און צי מיין ניגון פֿאַר אַ ליידיקן מאַרק? אַ געזונט אויף אייך קינדערלאַך, וואָס איר האָט עס מיר אָנגעזאָגט. איינער אַליין צו זיצן אויף אַ מאַרק איז זייער נאַריש".

דער בלינדער האָט אַ גלעט געטאָן זיין קליין גרוי בערדל און געבליבן זיצן אַזוי אַ וויל פֿאַרטראַכטערהייט. דער פֿאַרנאַכט איז זיך געקומען צושלייכן מיט אַ בשורה אַז עס וועט זיין אַ מחיה'דיקע זומערדיקע נאַכט. אין די שטיבלאַך האָבן זיך גענומען צינדן פֿייערלאַך כאָטש די שטערן אויפֿן הימל זענען נאָך ניט אַרויס. איבערן מאַרק האָבן זיך געהערט די געשרייען פֿון מאַמעס וואָס האָבן גערופֿן די קינדער אַהיים:

קינ--דער. טאַ--די. מאַ--די.
ראַ--די. לאַ--די. אַהיים.
אַ--היי--ם--

און די פֿייערלאַך אין די שטיבער האָבן גערופֿן מיט אַזוי פֿיל וואַרימקייט.

— „און וואו וועסטו גיין, בעטלער מיט די פֿאַרשלאָסענע אויגן?" האָבן די קינדער געפֿרעגט. —

דער בעטלער האָט געענטפֿערט מיט אַ געזאַנג:

איך האָב אַ קלוגן שטעקן.
פֿירט ער מיך, פֿירט ער מיך
ווי אַ שכל'דיקער מענטש.
אַ טאַפּ אַהין, אַ טאַפּ אַהער.
אַ שפּרונג איבער אַ שטיין און אַרום אַ גרוב,
פֿירט ער מיך, פֿירט ער מיך, פֿירט ער מיך —
אַהיים.

„איר זעט דעם שטעקן? — האָט דער בלינדער געזאָגט — האָט דער שטעקן מיך שוין אויסגעפֿירט אַ וועלט. פֿון דעם לאַנד זאַבאַני ביז דעם לאַנד זעגאַלי, פֿון דער מדינה זאַפּאַני ווידער צום לאַנד זאַזומי, און פֿון זאַזומי האָב איך שוין געהאַט אַ שווערן באַרגיקן וועג צו דער קרעלן-מדינה זלולאַ און פֿון דאָרט איז דער שליאַך געגאַנגען איבער פֿעלדער און וועלדער צום טויער פֿון דער באַרימטער זעטאַ און גלייך אַהער."

—„און מיט וואָס איז זעטאַ אַזוי באַרימט?" — האָט אַ אינגל מיט בלויע אויגן און צעריסענע הייזלאַך אַ פֿרעג געטאָן.

— „אין זעטאַ געפֿינט זיך דער באַרימטער פֿאָנטאַן וואָס שפּריצט אייביק זיינע וואַסערן אַזוי, אַז זיי קומען אויס ווי אַן אויסגעהאַקטע סטאַטוע פֿון דעם אומגליקלאַכן פּרינץ מאָלדאַ. די וואַסערן גייען קיינמאָל ניט איין. זיי ווייזן דעם פּרינץ אַ שמייכלדיקן, אַ וויינענדיקן, אַ פֿריילאַכן, אַ טרויעריקן, אָבער אויף קיין איין מינוט פֿאַרלירן זיי ניט אין זייער שפּריצן דעם ליבן אָנבליק פֿון דעם אומגליקלאַכן פּרינץ מאָלדאַ.

„און דאָרט איז פֿאַראַן אַ קוואַל, אין זעטאַ, — האָט דער בלינדער ווייטער גערעדט — וואו מען קאָן אייביק זען דאָס פּנים פֿון דעם אומגליקלאַכן פּרינץ מאָלדאָ אַרומשווימען ווי אַ לבנה. און דאָרט איז דאָ אַן אַלטער מאַן פֿון אַ יאָר פֿיר הונדערט וואָס געדענקט נאָך דעם פּרינץ. זיצט דער זקן אַן איינגעהויקערטער אינמיטן שטאָט און זינגט:

מאָלדאָ, איך בין מיד.
מאָלדאָ, איך וויל שטאַרבן.
מאָלדאָ, איך וויל ווערן שטויב.

אָבער ווען דער אָוונט קומט, פאַלט פון אים אַראָפּ זיין אַלטקייט ווי אַן אָפּגעטראָגענער מאַנטל און ער ווערט אַ יונגערמאַן מיט לויכטענדיקע אויגן. ער גלייכט זיך אויס און ער שטעלט זיך אַוועק דערציילן די מעשה מיט מאלדא ווי ער געדענקט זי“...

וואו די זון האָט זיך נאָר וואָס גזעצט און געוואַלט שטעלן דעם ערשטן טריט, אָבער דאָ האָבן אים די קינדער אָנגע־כאַפּט באַ דער האַנט און אויסגערופן מיט גרויס פאַר־בענקשאַפט.

— מאָלדאָ !..



דער בלינדער האָט זיך אויסגעגלייכט. אַ גלעט געטאָן דעם שטעקן זיינעם. אַ שמעק געטאָן די לופט מיט די נאָז־לעכער ווי ער וואָלט זיך פאַרלאָזט אויף זיי אַז זיי זאָלן אים העלפן אויסקלייבן די ריכטיקע סטעזשקע וואָס זאָל אים פירן אַהיים. ער האָט אַ קער געטאָן זיין פּנים אַהין

און דאָס אינגל מיט די בלויע אויגן און צעריסענע הייזלאַך האָט אויסגעזונגען:

— „מאָלדא!“

און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געבעטן:

„דערצייל אונדז, זיידעניו, וואָס דער פירהונדערט

יעריקער דערציילט וועגן מאלדאַ!"

אַ רואיק גוט שמייכעלע האָט גענומען שפּילן אַרום דעם בעטלערס פאַרמאַכטע אויגן. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, די קינדער אַרום אים, און ער האָט אָנגעהויבן:

— „אַט אַזוי פאַנגט אָן דער אַלטער יואַני די מעשה וועגן מאָלדאָ יעדן אָוונט אין זעטא דער וואונדערשטאָט:

איבער די יאָרן וואָס זיינען געשטאָרבן און
ליגן אָנגעהויפט ווי פאַרגעלטע בלעטער אַרום
אַ נאַקעטן בוים, גייט איצט אויף יואַני וואָס איז
געבליבן צו דערציילן די מעשה פון דער זיבנ-
יעריקער מלחמה וואָס האָט געפלאַקערט איבער
דער גאַנצער וועלט. אַך ליבע מיינע!
אַך טייערע מיינע! די טרומפּייטן שאַלן נאָך
איצט אין מיינע אויערן פון יענעם פאַרשאָלטע-
נעם טאָג ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען.

דער בעטלער איז אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן און זיך ווי איינגעהערט. דער אָוונט האָט אָנגעהויבן צופאַלן צו דער ערד מיט בענקשאַפט. בלאָע ווינטלאַך האָבן גענומען שפּאַצירן איבערן מאַרק. שאָטנס האָבן געשלייערט די פּנימער פון די קינדער. דער בלינדער האָט ווייטער גערעדט:

„יואַני דערציילט ניט. ער וואַרפט ברעקלאַך זכרון דורכן מויל, שטיקלאַך אָפּגעבראָכענע גערעכענישן פון אַ וויטן פאַרצייטן. ווען מען הערט אים דאָס ערשטע מאָל פאַרשטייט מען אים זייער ווייניק. זיינע רייד פּלאָנטערן זיך און צווייגן זיך און וואַרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט וואָס ליגט ווי אַ יאַך אויף יואַנים זכרון. איך האָב אים עטלאַכע מאָל געהערט דערציילן פון מאָלדאָ און איך וועל דאָס אייך איבערגעבן אין מיין אייגענעם לשון.

2

עס ווייזט אויס אַז אַמאָל האָבן דאָרט אין דעם לאַנד זעטא געהערשט אַ קעניג מיט אַ קעניגן וואָס האָבן ניט געלעבט גאָר בשלום. האָבן זיי אין אַ שענעם העלן טאָג באַשלאָסן אַז מען זאָל זיך צעטיילן מיט דער מדינה און לעבן אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן. האָבן זיי צוזאַמענגערופן די קלוגסטע מענטשן און געבראַכט אַ לאַנגע בלאָע מאַפּע פון דעם גרויסן לאַנד און אָפּגעצייכנט וועלכע לענדערייען און שטעט זאָלן געהערן צום קעניג און וועלכע דער קעניגן. האָבן זיי זיך צעטיילט מיט דעם גאָלד און זילבער און מיט אַלץ מיטאַנאַנדער און באַשלאָסן אַז דער קעניג זאָל הערשן איבער איין טייל זעטאַ און די קיניגן איבער אַ צווייטער.

אַלץ איז געגאַנגען גוט ביז מען האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן מאלדא דעם דריי יעריקן פּרינץ מיט די ליכטיקע אויגן. דאָס איז געווען דער איין און איינציקער זון און טראָן יורש און דאָס אויג אין קאָפּ פון דער גאַנצער מדינה. דער קעניג און זיינע אונטערטעניקע האָבן געוואָלט מאלדאן בא זיך, אין זייער טייל זעטא, און די קעניגן האָט ניט געוואָלט אָפּפאָרן אויב מען וועט איר ניט מיטגעבן דעם פּרינץ. און אַז עס איז געקומען צו מאלדא, האָט ער געזאָגט אַז ער וויל זיין באַ ביידן, באַם קעניג מיט דער קעניגן

דאָ האָט דער קעניג מיט גוואַלד גענומען מאלדא צו זיך און אַרויסגעטריבן די קעניגן. זי איז אָפּגעפאָרן צו זיך אין דער מדינה מיט גרויס גרימצאָרן און האָט גלייך באַשלאָסן צו דערקלערן קריג איר אייגענעם מאַן. און אַ גרויס גערודער האָט זיך געלאָזט הערן איבער דער טייל זעטא וואו זי איז געוואָרן הערשערן.

אָדער מאלדאָ אָדער אַ בלוטיקע מלחמה!

דער קעניג האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן פּרינץ און זיינע ראָטער האָבן געענטפערט:

ניט מאלדא נאָר אַ בלוטיקע מלחמה!

די טרומפּייטן האָבן געשאַלט. די קוריערן זיינען געלאָפן. דאָס לאַנד האָט גערודערט מיט די צוגרייטונגען צום בלוטיקן בירגער קריג. זעטא האָט זיך געגרייט געגן זעטא. ברודער קעגן ברודער. זון קעגן פאָטער. קרוב קעגן קרוב. מאלדא און בלוטיקע מלחמה.

די גאַנצע קליין-גרויסע וועלט איז קיילעכדיק. אַ טייל מדינות זיינען פאַרברידערט און פערוואַנדט און פאַרקנופּט מיט פריינטשאַפט און אַנדערע לענדער זיינען אָפּגעצאַמט דורך שנאה. די גאַנצע וועלט האָט זיך צעטיילט. דער קעניג האָט געהאַט מדינות וואָס זיינען אים געקומען צו הילף און די קעניגן האָט געהאַט לענדער וואָס זיינען איר געקומען צו הילף. די מלחמה צווישן די פרעמדע קעניגרייכן האָט אַריינגעשלעפּט אַלץ נייע מדינות אין שווערן קריג און דער סוף איז געווען אַז אַ גאַנצע וועלט האָט געפלאַקערט. מאלדא האָט אָנגעצונדן די וועלט.

מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן זיינען געפאַלן אין קריג צוליב מאלדא. מיליאָנען פערד, מוילאייזלען, מיליאָנען פאַרהאָרעוועטע פאַרמעגנס זיינען אויפגעפרעסן געוואָרן אין שלאַכט.

„מאָלדאָ און בלוטיקע מלחמה" האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט.

און יונגע קינדער וואָס האָבן פאַרלאָזט זייער טאַטע מאַמע און זיינען אַוועק אין מלחמה האָבן שוין לאַנג ניט געדענקט אַז זיי קעמפן דעם זעטא קריג פאַר מאלדא, עס איז געוואָרן מלחמה צוליב מלחמה. לענדער זיינען געוואָרן גערייצט איינער קעגן דעם אַנדערן און די קאַנאָנען מיט די גרויסע פּיסקעס האָבן געשפּיגן פייער און שוועבל אויף אַ גאַנצער וועלט.

און מאָלדאָ?

די טעג און די חדשים האָבן זיך געוואַלגערט אין די בלוטיקע זומפּן, די יאָרן האָבן זיך געשלעפּט און מאלדא איז דערווייל געוואָקסן ווי אַ בלום און זיין קעפּל האָט זיך געריסן צו דער זון. ער האָט ארומגעשטיפט אין זיין פאָטערס פרעכטיקן גאָרטן און ניט געוואוסט אַז די גאַנצע וועלט פלאַקערט צוליב אים.

זיבן שווערע יאָרן זיינען פאַרלאָפן, מאלדא איז איצט אַלט געווען צען יאָר. דער פאָטער זיינען האָט זיך גע-

שפיגלט אָן אים און אַלץ פאַרביטערטער געפירט די מלחמה.

עס לוינט זיך צוליב מאלדא, צוליב מיין מאלדא!

מאָלדאָ האָט איצט געהאַט אַן אַלטן גרויען לערער, וואָס האָט מיט אים שפּאַצירט איבערן גאָרטן און אויפגעעפנט פאַר אים די מיילעכלאַך פון יעדע בלום און אים געלערנט די נעמען פון די שענסטע פייגל.

און איינמאָל ווען דער גרויער לערער איז געגאַנגען שפּאַצירן מיטן קליינעם פּרינץ, האָט מאלדא געהערט ווי זיין לערער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

וואָס זיפצסטו? — האָט מאלדא איבערגעפרעגט. —

— מיינע צוויי זין זיינען געפאַלן אין שלאַכט צוליב דיר, קליינינקער — האָט דער לערער געענטפערט — ווי זאָל איך ניט טרויערן?

מאָלדאָ וואָס האָט פון גאָרניט געוואוסט איז פון אַלץ געוואר געוואָרן. דער לערער האָט אים דערציילט אַז פעלקער ברענגען זיך אום צוליב אַ קליינעם פּרינץ וואָס שפּאַצירט גאָר אום אין דער שטילקייט פון זיין פאַטערס גאָרטן.

יענע נאַכט האָט מאלדא קיין אויג ניט צוגעטאָן. זיין לערערס רייד האָבן אים געקלונגען אין די אויערן און ער האָט געוויינט אויפן קול. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט זיך אַרויסגעגנבעט פון צימער. ער איז אַריין אין גאָרטן און צו צום קוואַל.

אַ גאַנצע לבנה האָט באַלויכטן די פאַרבאָרגנסטע אַלייען. דער קוואַל איז געווען ליכטיק און די בלעטער האָבן געזונגען אויף די ביימער. אַ גוטע האַנט האָט זיך פלוצים באַוויזן איבערן קוואַל. אַ מענטשלאַך קול האָט זיך געהערט. די האַנט האָט גערופן:

„קום איך וועל דיך באַהאַלטן אין קוואַל. דיין ליכטיק פנים, מאלדא, וועט אייביק דאָ אַרומשוואומען און דו וועסט זיין און ניט זיין. זיין פאַר זיך און ניט זיין פאַר אַ וועלט וואָס מאַרדעט זיך צוליב דיר.”

מאלדא האָט געפאָלגט און איז אַריין אין דעם ליכטיקן קוואַל.

פאַרשטאַנדיקע פייגל מיט אַלטע קלוגע פנימער האָבן יענעם פאַרטאָג פרי אויפגעוועקט דעם דרימלענדיקן גאָרטן. זיי האָבן געוויגט די שפּיצבוימער מיט אַ געיאָמער: ניטאָ מאלדא!

דער קעניג האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ ווען מען האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס דינע קערפּערל און עס אַוועקגעלייגט אויפן פייכטלאַכן גראָז. מען האָט אים קוים צוריקגעהאַלטן פון אַליין אַריינשפּרינגען אין קוואַל וואו עס האָט איצט לייכט געפלאַטערט אויף דער אויבערפלאַך דאָס לאַכנדיקע פנים פון מאלדא.

טרומפּייטן האָבן געשאַלט איבערן גאַנצן לאַנד קורירן זיינען געלאָפן. די קאַנאָנען האָבן געגעבן דע לעצטן פייער שפּיי און שטיל געוואָרן. „ניטאָ מאלדא!” האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער וועלט. די לעצט פאַרוואָרלאָזטע אַרמייען האָבן זיך געשלעפּט אַהיים ווע איבער דעם קוואַל וואו עס איז געשוואומען מאלדאס פני זיינען געזעסן דער קעניג מיט דער קעניגין און אַריינגע קוקט מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן.

מען האָט מאלדאן באַגראָבן. און דריי טעג שפּעטע האָט פון זיין קבר גענומען אַרויסשפּריצן אַ פאָנטאַן וואָ האָט פון די טאַנצנדיקע זילבערנע וואַסערלאַך קלאָר צוזאַ מענגעשטעלט מאלדאס דין געשטאַלט וואָס לאַכט, ווייננ טאַנצט ביז דעם היינטיקן טאָג.

און אַ גאַנצע וועלט האָט שלום געמאַכט איבע מאלדאס קבר.”...

דער מאַרק איז פינצטער געוואָרן. פענצטער האָב זיך געעפנט און עס האָבן זיך געהערט די געשרייען פ די מאַמעס וואָס האָבן גערופן די קינדער אַהיים:

קינ - - -דער. טאַ - - די. מאַ - - די.
ראַ - - די. לאַ - - די. מאַ - - די.
אַ - היי - -ם!

און די פייערלאַך אין די שטיבער האָבן גערופן מי אַזוי פיל וואַרימקייט.

„און וואו וועסטו איצט גיין בעטלער מיט די פאַ שלאָסענע אויגן? — האָבן אַלע קינדער געפרעגט מי אַ טרויעריק קול. —

דער בעטלער האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר זי אויסגעגלייכט, אַ גלעט געטאָן דעם שטעקן זיינעם און ג שטעלט דעם ערשטן טריט. זיינע טריט זיינען געוואָ אַלץ זיכערער און זיכערער ווען ער האָט אָנגעהויבן זינגע

איך האָב אַ קלוגן שטעקן,
פירט ער מיך. פירט ער מיך
ווי אַ שכלדיקער מענטש.
אַ טאַפּ אַהין, אַ טאַפּ אַהער,
אַ שפּרונג איבער אַ שטיין און אַרום אַ גרוב.
פירט ער מיך. פירט ער מיך. פירט ער מיך —
אַהיים.